גליון ד'
ערש"ק פר' אח"ק תשפ"א

הגליון נערך לע"נ מרת **לאה חי'** בת ר' אברהם ע"ה **ניימאנן**

# א מחי'!

16 טיפס פאר א
## געשמאקע
אידישע לעבן

בפיקוח הרה"ג דומ"ץ
טאהש מאנסי שליט"א

## יסוד #8
# זיי רייך!

1. זיי בעה"ב
2. זיי מעונג
3. זיי געזונט און שטארק
4. זיי א מאן
5. זיי א טאטע
6. זיי אויפגעלייגט
7. זיי אומאפהענגיג
8. זיי רייך
9. זיי מסודר (דו האסט שוין איינמאל צייט...)
10. זיי א לערנער
11. זיי א דאווענער
12. זיי גוט
13. זיי דאהי
14. זיי שטום
15. זיי געשיקט
16. זיי א הולך

### וואס וויל איך?

לייגט צו אן אויער צום שטילן שמועס צווישן מיין מח און מיין בהמה/חומר. שששששש... שטיל, איך וויל נישט זיי זאלן כאפן אז אונז הערן זיך אונטער. לאמיר הערן.

**מיין חומר:** איך וויל זיין רייך.

**מיין מח:** איך האלט דערפון, איך בין מיט דיר.

**מיין חומר:** אה, ענדליך איינמאל ביסטו מסכים מיט מיר.

**מיין מח:** הונדערט פראצענט. זאג מיר נאר קודם, וואס מיינט רייך?

**מיין חומר:** שוין הייבסטו אן מיט דיינע מעשיות... רייך מיינט האבן א "באָנטש" געלט צו קענען קויפן וואס מען וויל, אקעי?!

**מיין מח:** עס שטימט נישט אינגאנצן וואס דו זאגסט, ווייל אפילו דער רייכסטער מענטש אין די וועלט קען נישט קויפן וואס ער וויל. למשל אז דזשעף בעזאס זאל זיך אנשמעקן אפצוקויפן מאנהעטן, קען ער זיך שטעלן אויפן קאפ. עס קאסט צען מאל מער ווי וויפיל געלט ער פארמאגט.

**מיין חומר:** ווייסטו וואס, רייך מיינט נישט אז מען קען קויפן וואס מען וויל, רייך מיינט אז מען האט אסאך געלט.



**מיין מח:** און אויב איינער האט אסאך געלט, אבער **נאך מער** עקספענסעס, הייסט ער נאך אלס רייך?

**מיין חומר:** ניין, רייך מיינט האבן אסאך מער אינקאם ווי עקספענסעס.

**מיין מח:** ביסט זיכער אז דאס מיינט רייך?

מיין חומר: זיכער! וואס דען? איינער וואס האט מער אינקאם ווי עקפענסעס, האט אסאך געלט, און איז רייך. וואס דרייסטו מיר א קאפ?!

**מיין מח:** אין אנדערע ווערטער; רייך מיינט איינער וואס לעבט מיט א חשבון, יא?

**מיין חומר:** וווווואאאאאססססס???????

**מיין מח:** האסט יעצט געזאגט אז רייך מיינט איינער וואס זיין אינקאם איז מער ווי זיינע עקספענסעס. אין אנדערע ווערטער, דו דארפסט זיך פשוט אראפזעצן און מאכן א חשבון פון דיין אינקאם, און זיכער מאכן נישט צו ספענדן מער ווי דו קענסט זיך ערלויבן. אזוי וועסטו זיין רייך און רואיג!



---

דאס איז נישט סתם גערעדט. עס זענען דא מענטשן וואס דרייוון א לעקסוס, וואוינען אין א פאלאץ, גייען וועקעישן אויף די שווייצער בערג, מאכן אויפגעריסענע חתונות, אבער זיי האבן נישט קיין ניקל צו זייער נאמען. זיי דרייען מיט לאונס און מארגעטזשעס צו קענען אלעס באצאלן. ער האט נישט קיין מינוט מנוחה. ער מאכט טאקע $500,000 א יאר, אבער קען מען אים רופן עושר? א רחמנות אויף אים! יא, איזהו עשיר, השמח בחלקו, ער ווייסט וויפיל געלט ער האט אין טאש, און דאס ניצט ער, און מער נישט.

**עשירות איז א מהות,** נישט קיין נומבער פון דאלארן. אנדערע רופן דאס בודזשעטינג, איך רוף עס לעבן ווי א בן אדם. דער אויבירשטער האט דיר אנגעשריבן ראש השנה וויפיל געלט דו וועסט מאכן דעם יאר, און דאס איז עס. אויב דו וועסט זיך קויפן א פרישטאג יעדן צווייטן טאג, אנשטאט נעמען פוטער ברויט פונדערהיים, איז זייער מעגליך אז דו וועסט בלייבן סוף יאר אין א דעפיציט. דו גייסט נישט צובאקומען דאס געלט. דו גייסט בלייבן מיט א לאך און ווערן א בעל חוב. ווי אזוי זאגט נאר יענער? "ווען איך קוק אויף די חשבון פון הוצאות און הכנסות, הייבט עס נישט אן צו שטימען, אבער סוף חודש ווען די קרעדיט קארד ביל קומט אן, שטימט שוין אלעס פונקטליך...!"

## הייניגע פראבלעמען

אונזער דור איז אסאך מער געשלאגן אין דעם ווי סיי ווען אין היסטאריע. אמאל האט דער עווערידזש יונגערמאן פארדינט זיינע קיפערנע קאפיקעס, און מיט דעם האט ער באצאלט וואס ער האט געדארפט. הלל הזקן האט נישט געהאט דעם נסיון פון צאלן העד-טשעקס פארן שומר פונעם ביהמ"ד... עס האט נישט עקזיסטירט די מציאות פון נוצן געלט וואס מען האט נישט. אבער אפילו אויף די קאפיקעס וואס ליגן שוין יא אין טאש, ווארענט אונז אויך רש"י (מס' ביצה טז.) אז מען זאל עס נישט אזוי שנעל ארויסגעבן, ווייל דו וועסט דאך אויך דארפן צאלן רענט סוף יאר, און אויב דו וועסט יעצט אין כסליו קויפן עפעס פאר $5, וועט דיר פעלן די $5 פאר די רענט פון אלול. נישטא קיין מעשיות. **ווייל דו האלטסט נישט קיין חשבון, מיינט נישט אז עס איז נישטא קיין חשבון.** עס איז דא א מספר פון גרינע דאלארן וואס דו גייסט באקומען דעם יאר. נישט קיין פעני מער.

אויב אזוי, נעם א צעטעלע, און שרייבזשע אראפ וואס דו פארדינסט א חודש, און וואו די געלט וועט גיין. נעם דיר אריין אין קאפ, אז די געלט וואס דו מאכסט האסטו נישט צו ספענדען, ווייל רוב איז שוין אויסגעטיילט.

$2,125 א וואך, $8,500 א חודש (אריין גערעכנט אלע זייטיגע הכנסות ווי פראגראמען וכדו'). עס קען זיך אים דאכטן אז ער האט $8,500 צו ספענדן ווי אזוי ער וויל. אבער לאמיר געבן א קוק אויף זיינע הוצאות (באזירט אויף איינעמס אמת'ע בודזשעט):

| | |
|---|---|
| מעשר | $850.00 |
| רענט | $2,700.00 |
| שכ"ל | $1,300.00 |
| גראסערי | $1,350.00 |
| גויטע | $400.00 |
| לעקטער | $425.00 |
| קאר ליעס | $325.00 |
| געז | $180.00 |
| שאר ירקות | $300.00 |
| וואסער | $110.00 |
| קאר אינשורענס | $115.42 |
| שבת פיש | $105.00 |
| קאר סערוויס | $95.00 |
| לייף אינשורענס | $100.00 |
| היים טעלעפאון | $53.00 |
| סעלפאון | $42.76 |
| ס"ה עקספענסעס | $8,451.18 |

ער פארדינט $8,500, זיינע הוצאות זענען $8,451.18, ער האט סך הכל $48.82 א חודש וואס ער קען זיך שפילן דערמיט. אבער דאס איז נישט געפערליך. ער פארדינט גענוג צו מפרנס זיין זיין שטוב ב"ה. (אויב ער וויל עס נעמען צו 'נעקסט לעוועל', קען ער אריינלייגן די $48.82 א חודש אין א פלאץ וואס וואקסט אן עווערידזש פון 7% וועט ער נאך 20 יאר האבן דארטן $25,579.99! אבער דעם ענין דארף שוין אן עקסטערע שמועס באריכות. איך ברענט נאר דא ארויס די נקודה שבו.)

די פראבלעם וועט נאר ווערן, ווען דער טאג וואס ער דעפאזיט זיין טשעק, ערלויבט ער זיך צו קויפן א נייעם שער מאשין פאר $75, פשוט ווייל דער שמש מאכט יעצט א סעיל, און ער האט דאך יעצט אין באנק איבער טויזענט דאלער. דעם יונגערמאן גייט יעצט פעלן סוף חודש $26.18.

און מיט נאך אפאר אזעלכע נארישע באשליסן, וועט ער בקרוב זיך דערזען מיט שווערע חובות. פארוואס? פשוט ווייל ער איז נישט געווען ערליך מיט זיין אייגענע געלט. אנשטאט זיין רייך און לעבן רואיג, גייט ער לעבן ווי א שלעפער וואס דרייט יעדן טאג מיט א צווייטנ'ס געלט. יעצט לאמיר זיך נעמען צו **דיינע** ביינער, וויפיל געלט פארדינסטו? גייסטו פאלגן רש"י און מאכן א בודזשעט?

דער הייליגע חפץ חיים איז מחדש נאך מער (שפת תמים פרק ה'), אז אפילו א מענטש וואס האט אפאר הונדערט טויזנט ליגן אין באנק, און קען זיך באמת ערלויבן צו לעבן אויף א הויכן סטאנדארט, איז נאך אלץ דא א שטארקע ענין, צו גאר אפילו א חיוב, צו לעבן ביליג. ווייל א מענטש קען דאך קיינמאל נישט וויסן וואס זיין עתיד וועט ברענגן, און עס איז יתכן אז אין צען יאר ארום וועט אים זיין באשערט צו זיין א פשוט'ע פארדינער. און וויבאלד ער וועט זיין צוגעוואוינט צו זיין הויכן סטאנדארד, וועט ער בארגן, גנב'ענען און שווינדלען צו באקומען דאס זייניגע. עס איז ביטער שווער צו אראפגיין א לעוועל אין די סטאנדארד פון לעבן.

# שערי תירוצים...

## ביי מיר וועט עס נישט ארבעטן, איך קום במילא נישט אויס דעם חודש

עס קען זיין, כי לא יחדל אביון מקרב הארץ, אבער עס איז נישט מעגליך דאס צו וויסן קלאר, נאר אויב דו האסט געמאכט א חשבון. אפשר האסטו יא גענוג געלט אויף וויכטיגע הוצאות, נאר דו דרייווסט א ברענד ניו סיענע, אנשטאט קויפן אן אלטע. און אפילו לו יהא אז דו ביסט טאקע גערעכט, און דו קומסט טאקע נישט אויס די חודש, זאלסטו כאטשיג וויסן ווי גרויס די לאך איז, און פרוביר עס צו אנפולן מיט צדקה געלט. עס פאסט דיר נישט צו נעמען שבת פעקלעך? לוה רשע ולא ישלם איז **אסאך** ערגער ווי נעמען צדקה.

דאס אלעס איז צו ענטפערן דעם בהמה וואס טרעפט תירוצים נישט צו בודזשעטן. למעשה ווייזט אבער די מציאות, אז אויב מען לעבט מיט א חשבון דאפעלט זיך די געלט. פרעגט נאר סיי וועמען וואס האט געמאכט א בודזשעט, און האלט זיך דערצו. עס קומט אריין א ברכה אין די געלט. הרה"ק מטאהש זצ"ל פלעגט נאכזאגן פון זיין גרויסן טאטן הרה"ק ר' מרדכי דעמעטשער, "זיך באגיין איז האלב פרנסה." אויב אזוי, דורך לעבן מיט א חשבון קענסטו דאפלען דיין געלט! אדער קענסטו זיך אויסקלויבן צו ווייטער דרייען ווי א שלעפער, אזיווי העסקן ר' אליעזר קרויס שליט"א זאגט, מען שנארט פון א האלבע וועלט, כדי נישט צו לעבן 'ווי א שנארער'... די ברירה איז דיינס, לעב רואיג און רייך, אדער פאריאגט און פארפלאגט מיט חובות.

## אבער מיין ווייב איז א ספענדער וואס קען איך טוהן?

האסטו שוין געכאפט א געהעריגע שמועס מיט איר דערוועגן? אדער האסטו איר נאר געוואלט אויפווייזן אז עס מאכט נישט 'קיין שום סענס' צו וועלן האבן א בָּאגֶעבָּא קערידזש. און אזוי ווי זי האלט זיך ביי איר'ס, מיינסטו אז זי האלט נישט ביים לעבן מיט א חשבון. בדרך כלל איז דא 3 סטעפס צו ברענגן די בני בית מיטצוהאלטן מיט דיר אין א בודזשעט.

1. ארבעט אויף יסוד #4 - 'זיי א מאן' - מיט א רציחה. ליין עס כסדר איבער נאכאמאל און נאכאמאל, ביז די פילסט אז דו ביסט די וועלט'ס עקספערט אין דעם.

2. פארשטייי פארוואס דיין ווייב וויל די זאכן. זי איז 100% בארעכטיגט צו **וועלן** נאך א פאר שיך, כאטש זי האט שוין 10 פאָר אין די קלאזעט. פונקט ווי דו ביסט בארעכטיגט צו **וועלן** קויפן א נייע ספר, כאטש דו האסט שוין א פולע ספרים שאנק. ווי לאנג מען טענה'ט זיך צו עס מאכט סענס צו קויפן עפעס, איז זי גערעכט.

3. נאכדעם וואס סטעפ 1 און 2 זענען שוין ערלעדיגט, יעצט קענסטו טרייען מסביר צו זיין אז עס לוינט זיך צו לעבן אויף א בודזשעט, ווייל אזוי וועלן ענק ביידע האבן אסאך א רואיגערע און געשמאקערע לעבן. אבער געדענק אריינצונעמען אירע רצונות אין חשבון פון די בודזשעט, פונקט ווי דו נעמסט אריין דיינע אייגענע רצונות. ווייל דו פארשטייסט נישט אן הוצאה, מיינט נישט אז עס האט נישט קיין פלאץ.

איך האב דיר איבערגערעדט? גייסט לעבן מיט א חשבון? ווען גייט עס געשעהן? מאך יעצט אפ א צייט, וואס דעמאלס גייט שוין די בודזשעט זיין אין קראפט. אויב קומסטו אן צו דעם זמן, און דו לעבסט נאך נישט מיט א חשבון, טוה דיר א טובה, און צאל אפאר דאלער פאר א היימישע עקספערט, און ער וועט דיר העלפן זיכער מאכן אז עס געשעט טאקע. מען קען זיך פארבינדן מיטן מערכת פאר רעפרענסעס. אזוי אויך איינער וואס האט געהאט א גוטע עקספיריענס מיט א בודזשעטינג עקספערט, זאל זיך ביטע לאזן הערן לטובת הציבור.

**א געדאנק: עס ווערט געברענגט פון לעכעוויטשער זצ"ל, אז פונקט אזוי ווי ווען מען געזעגנט זיך פון א קעניג, איז די צייט צו בעטן פאר מתנות אויף אהיים צו נעמען, די זעלבע איז ביי שלש סעודות א צייט וואס מען קען אויסבעטן פאר פרנסה. אבער לויט ווי מען האט געשמועסט, איז מער געלט, אן קיין חשבון, נישט קיין גרויסע אויפטוה. אפשר וועגן דעם זאגט מען ביי מנחה די צוויי קאפיטלעך תהלים וואו מען דערמאנט 'יכלכל דבריו במשפט'. "את דבריו הצריכין לו במאכל ובמשתה ובכסות, מכלכל במשפט ובמדה, וחס על נכסיו" בדרך צחות.**

# קורץ און שארף

### הקדמה:

ווען א ווערעמל עסט זיך אריין אין א כריין, מיינט זי אז קיין זיסערס איז נישטא. לאמיר נישט זיין ווי דעם ווערעמל. לאמיר יא זיין גרייט אפצולאזן אונזער יעצטיגע 'זיסקייט' כדי צו טועם זיין עפעס בעסערס. 'סטעטוס קווא' איז ביטער. מיר גייען זיך רוקן פאראויס.

### יסוד 1: זיי בעה"ב

ערעב בלאטעניו (דיין חומר) רעדט צו דיר אגאנצן טאג. ער מאכט חשבונות, ער מאכט דילס, אלעס אז דו זאלסט אים נישט אנשטרענגן. האלט קאפ צו באמערקן ווען ער רעדט צו דיר, און לאז נישט די שמועס איינזייטיג, טענה צוריק! זאג אים קלאר וואס דו ווילסט. "איך וויל אויפשטיין, דו דרייסט מיר א קאפ." פשוט מיט'ן ארויסזאגן די ווערטער אין דיין מח, האסטו שוין געוואונען האלב פון די מלחמה. ווילסט עס נעמען צו די נעקסטע לעוועל? שמועס אויס די טענה'רייען מיטן מויל. וועסט נישט גלייבן ווי אינטערעסאנט און תועלת'דיג די שמועסן קענען זיין.

### יסוד 2: זיי מעונג

באקוועמליכקייט איז נישט קיין תענוג. באקוועמליכקייט = פוילקייט = דעפרעסיע. תענוג = עבודה = געשמאק. הן ברוחניות הן בגשמיות. די בענקעל איז באקוועם, א שווים איז געשמאק. אויך די בעט איז באקוועם, אבער קיינער איז נישט מקנא דער וואס שלאפט צוואנציג שעה א טאג. זיי נישט קיין באקוועמע מענטש, וועסטו האבן תענוגים. קוק דעם זייגערל דא אין די זייט. הפך בה והפך בה ווייל דאס איז דיין לעבן. זעה צו פארברענגן ווי מער צייט מיט דעם ווייזער צו רעכטס.

### יסוד 3: זיי געזונט און שטארק

האלטן די גוף געזונט איז עבודת השם (לשון הרמב"ם).

- עס געזונט, ווייניג און רואיג.
- מאך א טעגליכע אפוינטמענט מיט דיין בעט. זיי צייטליך צו דיין אפוינטמענט. עפעס וואס איז נישט גענוג וויכטיג צו אוועק געבן צייט בייטאג, איז אויך נישט גענוג וויכטיג צו אוועק געבן שלאף.
- מאך עקסערסייז יעדן טאג. די פאר מינוט וואס דו גיבסט אוועק פאר דעם, וועט מאכן דיין גאנצע טאג מער פראדאקטיוו.

### יסוד 4: זיי א מאן

דיין ווייב איז די עקספערט אין צמצום און קשר. דו נישט. ושמח את אשתו, שטעל צופרידן דיין ווייב, וועט זי שוין ערלעדיגן אז די קשר זאל זיין פעסט.

טוה דאס דורך איר צושטעלן די דריי אלף'ס. **אהבה, אטענשען און אפרישיעשן.**

א. **אהבה**. בוי אויף אן אהבה צו דיין ווייב, דורכ'ן זיך מתבונן זיין אין אירע מעלות, און אוועקמאכן אירע חסרונות.

א. **אטענשען**. ווען זי רעדט צו דיר איז די וועלט געשטארבן. קוק איר אין די אויגן און פרוביר איר אפצולערנען און פארשטיין.

א. **אפרישיעשן** (אנערקענונג). דיין וועש קריכט נישט אליין ארויס פון שמוץ-וועש און אריין אין וואש מאשין, דיין גויטע טרענירט זיך נישט אליין צו טוהן די ארבעט, אויך די עסן וואקסט נישט אליין אין פרידזשידער. דיין ווייב לייגט אריין הארעוואניע, און עס קומט זיך איר דיין אנערקענונג.

### יסוד 5: זיי א טאטע

דו וואלסט נישט פארקויפט דיין קינד פאר קיין געלט אין די וועלט. די תענוג פון האבן שייכות מיט דיין אייגן קינד, איז גרעסער ווי יעדע גשמיות'דיגע תענוג. נוץ עס אויס צו די מאקסימום! פארברענג ליבליכע צייט מיט אים און ענדזשוי אים.

געדענק אז א קינד דארף מען פלאנצן, בויען און אויך דאווענען.

- פלאנץ השקפות און רצונות דורכ'ן זיין א דוגמא אישית און דורכ'ן שמועסן ווארימע ערליכע שמועסן.
- בוי דורכ'ן אים איינגעוואוינען צו טון מצות מעשיות. טראכט פאר דו הייסט אים עפעס. אבער איינמאל דו האסט געהייסן, זאל זיך די וועלט איבערדרייען, ער מוז עס טוהן. אויב עס פעלט אויס, כאפ אים אן ביי די הענטעלע און מאך אים עס טון.

געדענק! שריי/שלאג נאר ווען עס וויל זיך נישט. ווען דו ביסט גערעגט און די ווילסט שרייען, ביסטו נישט אין קאנטראל, און פטור פון מצות חינוך. שרייען אויף א קינד ווען עס איז נישט במקום חינוך איז אסור מן התורה פונקט ווי שרייען אויף א פרעמדער. ואהבת לרעך כמוך גייט אן אויך ביי א קטן.

- דאווען פאר יעדן קינד עקסטער מיטן נאמען, אויף זיינע פערזענליכע פראבלעמען.

### יסוד 6: זיי אויפגעלייגט

דו האסט הונדערטער זאכן וואס דו האסט יא, און הונדערטער זאכן וואס דו האסט נישט. דאס גייט זיך נישט טוישן אפילו אויב דו געווינסט די לאטערי. עס וועט זיך נאר טוישן וועלכע זאכן דו האסט יא, און וועלכע זאכן דו ווילסט נאך באקומען. לערן דיך אויס צו ענדזשויען די זאכן וואס דו האסט, וועסטו זיין גליקליך און צופרידן דיין גאנץ לעבן.

### יסוד 7: זיי אומאפהענגיג

זיין אומאפהענגיג פון השפעות: נעם דיין מח אויף אן ערנסטע דיעטע. פיטער עס נאר ערליכע פארלעסליכע סחורה, וועט עס ארויסגעבן געשמאקע ערליכע השקפות און געפילן. ממש א מחי'.

זיי אומאפהענגיג ביי די תוצאות: האלט יעדעם איינעם טיף פארפאקט. קיינער קען דיר נישט העלפן הנאה האבן פון דיין לעבן אויסער דו אליין. בשבילי נברא העולם. וואס יענער האלט פון מיר, איז אזוי פיל נוגע ווי דאס וואס די מורישקע האלט פון מיר.

### יסוד 8: זיי רייך

רעד זיך נישט איין אז מער אינקאם, וועט דיר מאכן רייכער. מען קען זיך זייער שנעל צוגעוואוינען צו ספענדן מער, און דעמאלטס וועסטו בלייבן מיט די זעלבע חובות וואס דו האסט יעצט. די טריק צו זיין רייך, איז צו ספענדן ווייניגער ווי מען האט. מאך א שטארקע בודזשעט, וואס האלט דיינע עקספענסעס ווייניגער ווי דיין אינקאם, וועסטו לעבן א רואיגע רייכע לעבן. איינמאל דו טוסט דאס, איז שוין דא וואו די ברכה זאל חל זיין ווען דער באשעפער שיקט מער שפע. ווייל דו וועסט איינטיילן פאר דיין געלט וואו צו גיין, אנשטאט זיך וואונדערן וואו ער איז געגאנגען...

# מכתבים למערכת

לכבוד העורך שליט"א.

איך האב ב"ה זייער הנאה פון אייער גליון מען ווארט שוין אויף די קומענדיגע גליונות!

בנוגע 'עונג' ברענגט איר אין דעם ערשטן גליון משלים וועגן אכילה. איך מיין אז איר שפרינגט פון א פארדינטע סעודה ביי א סיום אויף בבא בתרא - וואס דאס רופט איר תענוג, צו א פעקל טשיפס בהיסח הדעת וואס דאס רופט איר תאוה.

וואס טוט זיך מיט אלעס אינדערצווישן? למשל, אויב איך בעט מיין אשת חיל אז מארגן נאכט וויל איך אזא שמאלציגע סעודה ווי איר לייגט עס אראפ, סתם אן א סיבה, איז דאס 'עונג'? און טאמער איך האב יא עפעס א 'סיבה', ווי למשל דעם בת עין'ס יארצייט וואס בעצם האב נישט קיין שום שייכות מיט אים, און איך לערן נישט זיין ספר במשך דעם יאר (ביים יאר צייט כולי האי ואולי) נאר געפונג סיבה צו מאכן א סעודה כסעודת שלמה! איז דאס יא 'עונג'? און וואס איז מיט סעודת שבת שינה, מיט וואס מאך איך דאס א 'עונג' און נישט א 'תאוה'? (אין חב"ד למשל האבן די חסיד'ישע אידן/משפיעים נישט געמאכט קיין עסק פון מאכלי שבת נאר קוים געגעסן, וויל אויב עס איז תאוה גייט עס צו די ג' קליפות הטמ'.)

כט"ס

ש. וו.

אנטווערפען

## תשובת העורך

א גרויסן יישר כח פאר'ן פרעגן קלאר, וואס נאך אסאך האבן געפרעגט. קוקט אויס אז איך בין נישט אריינגעקומען אזוי קלאר די ערשטע מאל, במילא וועל איך עס דא אויסקלארן בעזר השם, און מיט דעם וועל איך שוין אויסקלארן נאך שאלות וואס זענען אריינגעקומען.

## גשמיות איז גוט?

ערשטנס, לאמיר ווערן קלאר: זענען גשמיות'דיגע תענוגים גוט פאר'ן מענטש אדער נישט? פון איין זייט שטייט א קלארע פסוק "ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך השם אלוקיך" (דברים כו,יז)! דו זאלסט זיך פרייען מיט די פיינע גשמיות וואס דער אויבירשטער האט דיר צוגעשטעלט. נאך קלארער שטייט עס אין רש"י אפאר פסוקים פריער "עשיתי ככל אשר צויתנו" זאגט רש"י "**שמחתי** ושימחתי בו", איך האב געטון אזוי ווי דו האסט געהייסן, דהיינו **איך האב מיך געפרייט דערמיט**, און איך האב דערפרייט אנדערע. זעהט מען דאך אז זיך פרייען מיט גשמיות איז גאר דער ציווי השם! אזוי אויך אויפ'ן פסוק "והתענג על השם" זאגט רש"י אז פשוט פשט מיינט עס אז מען זאל זיך מחי' זיין מיט גשמיות'דיגע תענוגים, בשעת'ן זיך אנלאנען אויפ'ן אויבירשטן (תהלים לז,ד). מען קען ברענגן אויף דעם מקורות געגוג אנצופילן א גאנצע ספרים שאפע. עס איז קלאר אז דער אויבישרטער וויל אז אונז זאלן אנערקענען און "עפרישיעטן" די גשמיות'דיגע חסדים וואס ער טוט מיט אונז.

פון די צווייטע זייט, זאגט דאך דער הייליגער רבי ר' אלימלך אז "האדם לא נברא רק לשבר את הטבע". קוקט דאך אויס אויבנאויף, אז גשמיות און תענוגים איז שלעכט, און דער מענטש דארף צעברעכן זיין תאוה דערצו. נאך מער קען מען פרעגן, אויב זענען גשמיות'דיגע תענוגים טאקע ממש שלעכט, ווי אזוי קען מען מאכן אויף דעם א ברכה בשם ומלכות און דאנקען דעם אויבירשטן 'ליהנות בהם בני אדם' (ביי ברכות אילנות)? די גאנצע הנאה פונעם מענטש איז דאך נאר א נסיון אים צו פארדרייען א קאפ? ווייטער דערציילט די גמרא (ברכות מד.), אז די צוויי שטיקער פייער, די הייליגע אמוראים ר' יוחנן און ריש לקיש, זענען ארויסגעגאנגען קיין גינוסר און דארט געגעסן פון די געשמאקע פירות ביז ריש לקיש איז ממש שיכור געווארן דערפון, אזוי ווייט אז ר' יוחנן האט געדארפט ברענגן פאליס אים אהיימצוטראגן! כאטש וואס אונז זענען בכלל נישט משיג וואס דארט איז פארגעקומען, דאך דערציילט אונז דאס די גמרא פאר א סיבה. אונז דארפן זיך עפעס אויסלערנען פון דעם. וואס דארף מען זיך ארויסלערנען פון דעם וואס די צוויי הייליגע אמוראים האבן זיך מתענג געווען מיט זיסע פרוכט אויף אזא גוזמא'דיגע פארנעם?

## גשמיות איז עבודת השם

בעזרת השם וועל איך עס אויסשמועסן אויף צוויי וועגן. די ערשטע וועג נוצט די לשונות וואס מען טרעפט געווענליך אין די חסיד'ישע ספרים, וואס דאס איז אביסל א העכערע שפראך. און די צווייטע וועג איז די זעלבע געדאנק, נאר מיט אנדערע אותיות, לויט ווי אזוי דער אלטער פון סלאבאדקע האט עס אראפגעלייגט, וואס הערט זיך עפעס מער פראקטיש אין דעם היינטיגן דור, און דעם מהלך נעם איך דא אין די גליונות.

**חסיד'יש גערעדט:** דער הייליגער רבי ר' זושא פרעגט א קשיא: אויב די גאנצע סיבה פארוואס א מענטש דארף עסן, איז כדי צו האבן כח פאר עבודת השם, פארוואס האט נישט דער אויבירשטער געמאכט אז א מענטש זאל בכלל נישט דארפן עסן? אלא מאי איז א סימן - עסן איז אויך עבודת השם! מען דארף מעלה זיין די ניצוצין קדישין (ליגט מיר און קאפ אז כך שמעתי מפי מו"ר הרה"צ ר' צבי הירש פיש שליט"א). מעלה זיין ניצוצין? דאס איז דאך אן עבודה נאר פאר צדיקים, ניין?! אויב אזוי פארוואס האט דער אויבירשטער געמאכט אז פלעינע מענטשן זאלן אויך דארפן עסן? אונז טוען דאך נישט די עבודה? אלא מאי, איז א סימן אז אונז דארפן אויך טון די עבודה. (ווי שוין דערמאנט, אויב פילסטו זיך אומבאקוועם מיט די שפראך פון דעם שטיקל, קענסטו גלייך גיין צום נעקסטן שטיקל וואס ברענגט ארויס דעם געדאנק מיט פשוט'ערע ווערטער.)

# מכתבים למערכת

## נו, וואס איז די טאקע די עבודה?

'עס איז אריינגעווארצלט די אמונה אין יעדעס יודיש קינד, אז די גאנצע חיות, רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע, און יעדע ריר וואס א מענטש טוט, אלעס קומט פונעם אור אין סוף וואס איז משפיע פון זיין ליכטיגקייט. און ער איז דער וואס דערלעבט אלעס, און שטעלט אהער יעדע מציאות. און עס איז נישטא קיין שום זאך וואס איז עקסטער פון אים, און קיין שום מציאות אויסער זיין רצון' (הרה"ק מקאמארנא, נתיב מצותיך). דער הייליגער בעל התניא האט זיך אמאל אויסגעדרוקט, אז ווען ער זעהט א חפץ, זעט ער נאר די אותיות וואס זענען דאס מהוה יש מאין, ער זעט בכלל נישט די גשמיות'דיגע מציאות. אזוי אויך די חן און געשמאק פון א חפץ, קומט אויך נאר ווייל דער אויבירשטער באשאפט עס. מען דארף זיך מתבונן זיין, אז די גאנצע חן און געשמאק וואס דער חפץ האט, איז דאך נאר פון דעם ניצוץ הקדוש וואס ליגט דערין. למשל דעם גוף פון א מענטש, נאכדעם וואס זיין נשמה גייט ארויס, האט עס נישט קיין שום חן. נאר די קדושה פון דעם ניצוץ הק' גיבט פאר די זאך א חן.

די זעלבע זאך איז מיט עסן. ווען א יוד זעהט א געשמאקע אייער-שפייז, דארף ער זען דארט דעם אויבירשטן. ער זאל זיך מתבונן זיין אז דא ליגט א שטיק אלוקות אין א גשמיות'דיגע צורה. אויב עסט ער מיט אזא כוונה, איז ער מעלה די ניצוצין פון דעם מאכל. קומט אויס, אז די הנאה וואס דער אויבירשטער האט אריין געלייגט אין די גשמיות, איז טאקע צו מהנה זיין זיינע בריות, נאר דער מענטש דארף האבן שכל זיך צו מתבונן זיין בשעת ער שפירט די הנאה, אז די תענוג איז א קליין ברעקעלע פון די זיסקייט פונעם הייליגן באשעפער וואס איז מהוה דעם מאכל צוזאמען מיט דעם הנאה, און מיט די מחשבה זובערכט ער זיין טבע! ווייל זיין טבע שלעפט אים צו זיין פויל, און זיך נישט מתבונן זיין אין דעם חלק אלוקות שבו, און ווען דער מענטש ברעכט זיך, און ער עסט נאר וויפיל עס פעלט אויס, און נאר טאקע מיט די ריכטיגע כוונה, איז ער מעלה די הייליגע ניצוצין און ברענגט א שמחה און אלע וועלטן. ע"כ בקיצור די שפראך וואס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים.



**בעה"ב'טיש געערדט:** דער באשעפער האט באשאפן דעם וועלט להיטיב לבריותיו. וויבאלד דער אויבירשטער איז דער שפיץ פון טוב, און די טבע פון א גוטער איז צו טוהן גוטס, האט דער אויבירשטער באשאפן באשעפענישן כדי צו קענען טון מיט זיי גוטס. די איינציגסטע סיבה פון די בריאה, איז אז מיר באשעפענישן זאלן האבן תענוגים. "האדם לא נברא אלא להתענג."[1] וועגן דעם האט דער אויבירשטער באשאפן דעם אראנדזש מיט אזא הערליכע קאליר, אזא זאפטיגע געשטעל, און אזא זיסע טעם, שוין גרייט "געסלייסט", כדי מיר, זיינע קינדער, זאלן זיך מתענג זיין דערמיט.

אויסער דעם האט דער אויבירשטער באשאפן נאך און נאך דרגות פון תענוגים פאר אונז מענטשעלעך, ביזן שפיץ פון תענוג פון טועם זיין מזיו השכינה. אבער אויך די פשוט'ע געשמאקע גשמיות ווייל דער באשעפער אונז זאלן טועם זיין, הנאה האבן דערפון, און אים דאנקן דערפאר!

## תענוג, אדער עצלות און תאוה

יעצט קענען מיר שוין אריין גיין אין די חילוק פון תענוג ביז באקוועמליכקייט, וואס זיי זענען אנדערש כרחוק מזרח ממערב. אונז וואוינען צווישן פעלקער וואס האבן פיין אויסגעמישט די צוויי מושגים, און ווי אזוי עס גוי'אישט זיך, יודיש'ט זיך. דוד המלך זאגט שוין אז ער 'קען נישט' זיין נאנט מיט א שלעכטע חבר, ווייל ער וועט זיך אפלערנען פון אים (תהלים קא, ה ורש"י שם). איז זיכער אז אונז פשוט'ע אידן ווערן נשפע פון די פילע פארגרעבטע גוים וואס דרייען זיך ארום אונז. במילא דארפן אונז אביסל איבערמאכן אונזער מח און עס טרענירן צו טראכטן אנדערש ווי סטופיד דזשאני.

תענוג איז אן אקטיווע זאך. עפעס וואס געבט צו חיות פאר'ן מענטש. ווי ר' שמעון זעליחוב'ער זצ"ל שרייבט אין א בריוו (נהרי אש מכתב נ') "והחיות שנתוסף בו ע"י ההנאה, תביאנו לקיום תורתך וכו"", די הנאה געבט פארן מענטש א חיות און העלפט אים אין עבודת השם. בשעת א מענטש האט תענוג, איז זיין מח אויף, פריש און מונטער. אבער ער איז געווענליך דוקא נישט באקוועם. די מח, און צומאל די גוף, ארבעטן פעסט אריין בשעת א מענטש האט תענוג. ווען א יונגערמאן טאנצט זיך אויס ביי א חתונה, האט ער דערפון א תענוג, איז ער דען באקוועם? א נעכטיגן טאג! זיין פיס טוט ווי, און עס גיסט זיך די שוויים, אבער ער כאפט ניטאמאל. ער איז יעצט אריינגעטוהן אין די שמחה פון זיין קרוב. ער שעפט נחת ווי די משפחה לעבט אריין אויף אלע באקן! א מחי'! אבער דער באקוועמער מענטש, וואס זיצט אין די זייט און קלאצט אוועק, אדער הויקערט אריין אין זיין טעלעפאון, איז אפשר באקוועם, אבער קיין תענוג האט ער נישט. זיין מח איז טויט, קוים וואס דאס הייסט בכלל געלעבט.

ענליך צו ענין פון עצלות/באקוועמליכקייט, איז דער ענין פון תאוה. ווען א מענטש רוקט אריין א ראָד קאקאש מיט א טאץ סושי, קען אפשר אויסקוקן ווי ער איז אקטיוו, אבער באמת איז זיין מח טויט. ווען א מענטש האט הנאה פון זיין עסן, קייט ער שטאט, ער קאנצעטרירט זיך אויף די חסד השם פון די טעם, קאליר און שמעק פונעם מאכל. ער באמערקט ווי די ברויט ווערט זיסער ווי לענגער ער קייט עס (די שפייעכטס אינעם מויל דרייען איבער די סטארטש אויף צוקער כדי עס זאל זיין געשמאק פארן מענטש. הפלא ופלא! שכח אייבירשטער.) וכו' וכו'. מיט מחשבה איז נישט מעגליך, און נישט אינטערעסאנט אריינצורוקן א ראד קאקאש. איי וועסטו פרעגן, וואס האט דאס צו טוהן מיט חסד השם? דאס קען דאך א גוי אויך טוהן. ער דארף פשוט צולייגן קאפ צו די קאליר, טעם, און שמעק פונעם מאכל, און דורך דעם ארויסנעמען א תענוג דערפון? דער תירוץ איז, אז צולייגן מחשבה איז אן עבודה. תענוג קאסט מח-ארבעט, מען דארף ניצן די מח ארויסצונעמען די פולע תענוג פון א זאך. אויב האט מען נישט קיין גוטע סיבה זיך

---

1) דער מסילת ישרים פירט טאקע אויס 'האדם לא נברא אלא להתענג **על השם**, אבער דער אלטער פון סלאבאדקע האט געלערנט פשט, האדם לא נברא אלא להתענג, דער אויבירשטער האט באשאפן דעם מענטש ווייל דער אויבירשטער וויל אים געבן תענוגים, פשוט להטיב לבריותיו. נאר די גרעסטער תענוג וואס איז שייך צו האבן, איז דער תענוג פון **להתענג על השם**. אבער דער מענטש האט א חיוב זיך צו מתענג זיין, און אנערקענען די חסד השם, אויך אין גשמיות.)



א מחי'! 16 טיפס פאר א געשמאקע אידישע לעבן

# מכתבים למערכת




צו קאנצענטרירן אויף די פיינע מעלות פון גשמיות'דיגע הנאות, איז נישט מעגליך דאס צו טוהן בקביעות. נאר א יוד, וואס פארשטייט אז בשבילי נברא העולם, דער באשעפער האט באשאפן טויזנטער גוים כדי איך זאל האבן א פיינע גלעזל קאווע (אפאר הונדערט גוים קלייבן די קאווע בונדלעך, נאך צענדליגע גוים ארבעטן אינעם פאבריק צו בראטן און צעמאלן די בונדלעך, וכו' וכו'), ער האט געגעבן פאר מיין עפל אזעלכע שיינע רויטע בעקעלעך, און אזוי ווייטער ביי א יעדע זאך, נאר אזא איינער קען אמת'דיג הנאה האבן פון **די** וועלט! יא, נאר אן ערליכע יוד האט עולם הזה. דער באשעפער האט באשאפן די וועלט להטיב לבריותיו, ווער עס אנערקענט עס, איז דער וועלט א גן עדן. קומט אויס אז "האדם לא נברא רק לשבר את הטבע," איז קיין שום סתירה מיט "האדם לא נברא אלא להתענג", טאקע דורך צוברעכן די פוילקייט און די טבע פון זיין אויף "אוטא-פיילעט", באקומט מען תענוג!

## זאל מען זיך לאזן וואוילגיין?

איי אויב אזוי, אז דורך הנאה האבן פון דעם וועלט איז מען מקיים דעם רצון השם וואס ער וויל להטיב לבריותיו, אפשר זאל איך ווערן א 'נָבָל ברשות התורה' און זיך אנפרעסן, אויסםָאפן און זיך לאזן וואוילגיין? איך דארף נאר ס"ה טראכטן פון די חסד השם פון די אלע גוטע זאכן, און דאס וועט מיך שוין אויטאמאטיש געבן א חיות אין עבודת השם, ניין?

נישט ממש. דאס איז אזוי ווי איינער זאל זאגן, אז אויב גאזאלין געבט כח פאר די קאר, אויב אזוי, לאמיר טאקע גיסן גאזאלין פון אלע זייטן, אנפילן די טראנק, די זיצן, אויפ'ן דאך און ווי נישט. אזוי וועט דאך די קאר האבן אסאך מער כח! יעדער פארשטייט אז דאס איז נאריש. די קאר דארף נאר אזויפיל גאזאלין ווי ער קען פארנעמען און פארדייען אויף א נארמאלע וועג. אויב די וועסט אים אנשטאפן מיט געז איבער'ן מאס, וועסטו נאר ערגער מאכן. די זעלבע איז מיט'ן מענטש. דאס ביסל עסן און גשמיות'דיגע הנאות וואס פעלט אויס פאר'ן מענטש, קען ער פארנעמען, און דאס קען ער צולייגן קאפ און ארויסנעמען די מאקסימום תענוג וואס מעגליך דורכ'ן זיך פארטוהן אין די חסד השם פון די זאך. אבער אויב וועט ער נעמען איבער די מאס, וועט נישט מעגליך זיין צו זיך מתבונן זיין געהעריג און עכט הנאה האבן דעפון. די זעלבע פארקערט, איינמאל א מענטש כאפט אז די גאנצע תענוג וואס ער האט, קומט פון התבוננות, דהיינו פון זיין מח, דארף ער נישט קיין סאך. א פשוט'ע זיסע עפל איז גענוג אים אנצופולן מיט תענוג און נחת רוח. אזוי ווי די באקאנטע מעשה פונעם תם וואס האט פיזיש געשפירט אין זיין ברויט דעם טעם פון פלייש.

## יעדער ווייסט דאס!

היינט צוטאגס ווייסן שוין דאס אפילו די גוים. עס איז דא צענדליגע שטודיעס וואס האבן איבערגעוויזן אז מען קען מאכן א מענטש טעיסטן אין א מאכל א צווייטע טעם, עפעס אנדערש ווי עס איז עכט, פשוט דורך טוישן די אויסזעהן. ווי למשל, מען האט אריינגעלייגט אביסעל רויטע קאלערינג אין ווייסע וויין, און עס געגעבן פאר די גרעסטע פראנצויזישע ווין-קארפן-קעפ אין די Univiersité de Bordeaux. זיי האבן זיך געשוואוירן ביי די בארד אז עס א רויטע וויין. די רויטע קאליר האט געמאכט די מח פיזיש שפירן אויפן צינג די טעם פון רויטע וויין. אזוי אויך, אפאר יאר צוריק לכבוד פורים, האט די מים-חיים סאדע קאמפעני געמישט די קאלערס און די פלעיווערס פון די סאדעס. ווי למשל, זיי האבן אריין געלייגט אן אראנדזשע קאליר אין די קאלע סאדע וכדו'. ווער עס געדענקט, האבן מענטשן נישט געקענט דערגיין וואסערע טעם מען פילט אין די סאדע! כאטשיג געווענליך שווערט זיך דער מענטש אז ער האט **נאר ליב** קאלע סאדע און נישט קיין שום אנדערע פלעיווער, אבער די רגע ער האט נישט געקענט **זען** וואסערע סאדע דאס איז, האט ער שוין נישט געוואוסט צי ער האט עס ליב צו נישט!

## לעב יעצט!

נחזור לענינינו. **איינער וואס לייגט נישט צו קיין מחשבה צום הוה, קען האבן די בעסטע און די שענסטע אויף די וועלט, און נאכאלץ נישט עכט הנאה האבן דערפון.** משא"כ א מענטש וואס לייגט צו מחשבה צו זיינע גשמיות'דיגע הנאות בשעת ער האט עס, דארף נישט קיין סאך. א שטיקל ברויט, דער זינג פון א פייגל, און א קיל ווינטעלע אין א הייסן זומער טאג, קען אים ארויסנעמען פון די גלייזן מיט עונג, שמחה און א הכרת הטוב פאר'ן בורא עולם. דעם וואס מען רופט געווענליך א בעל תאוה, איז נישט קיין בעל תאוה, ער איז א בעל דמיון. ער איז פארנומען דמיונ'ען וואסערע תענוגים ער קען נאכלויפן, אבער פון די תענוגים וואס ער האט **יעצט** האט ער נישט קיין הנאה. און ווען ער וועט שוין האבן דעם תאוה וואס ער דמיונ'ט זיך, וועט ער אויך נישט האבן קיין הנאה דעפון, ווייל זיין קאפ וועט אים זיין פארנומען אין וואס ער קען באקומען נעקסט. דער ערליכע יוד, וואס זינקט איין זיין מחשבה און וואס ער פארמאגט, דער איז דער אמת'ע בעל תענוג.

די טענה, אז התבוננות אין די חסדי השם פון גשמיות, ברענגט צו פארגרעבקייט, איז אן אלטער. אבער ווי מען האט יעצט מסביר געווען, איז די טענה נישט ריכטיג. צענדליגער מענטשן קענען מעיד זיין, אז זיך פארטוהן אין די חסדי השם פון די וואונדערליכע תענוגים וואס דער באשעפער שטעלט אונז צו, מאכט דעם מענטש איידעלער און נישט פארקערט. ר' אביגדור מילער זצ"ל האט זיך אמאל אויסגעדריקט, "יענער קומט צו פארן מיט א קאר אין שול, און האט א האנט זייגער (השגות אין תאוות!), איך קום אין שול צופיס, און עס איז מיר גוט די זייגער אויפן וואנט. אבער ער, רופט מיר, דער בעל תאוה..."

איך וויל צוענדיגן מיט א שטיקל פונעם ביאגראפיע פון הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל, וואס עס ווערט דארטן דערציילט פונעם טאג פון זיין פטירה:

# מכתבים למערכת

"דערנאך האט ער זיך אונטערגעזיגנן מיט'ן באקאנטן סלאבאדקער תנועה, 'האדם לא נברא אלא להתענג, דער מענטש איז באשאפען געווארן צו האבן תענוג,' דאס גייט ארויף אויף עולם הזה. נאר נאכן דאס פארשטיין, קען מען צוענדיגן דעם שטיקל 'על השם.' עולם הזה איז דער פלאץ וואו א מענטש דארף זיך אויסלערנען צו האבן תענוג. דער אויבירשטער איז דער נדבן וואס וויל דיר געבן נאר תענוג, און די גאנצע בריאה איז באשאפן געווארן נאר צוליב דעם. אודאי, די גרעסטע תענוג וואס דער אויבירשטער האט געקענט פאבריצירן; דאס זיין מיט'ן אויבירשטן, דאס וואַרט פאר אונז אין עולם הבא, אבער קודם דארף א מענטש אנטוויקלען אין זיך די מעגליכקייט צו הנאה האבן פונעם אויבירשטן, און ארויסנעמען תענוג פון זיין גאנצע בריאה, אנגעהויבן אויף דער וועלט. די וועלט איז באשאפען געווארן כדי אונז זאלן קענען אנטוויקלען אונזער פעאיגקייט צו זיך מתענג זיין מיט'ן אויבירשטן."

---

א גוטן.

איר זאגט מ'זאל קאמענטן וועל איך קאמענטן.

ס'איז מורא'דיג וואס איר טוט, נאכדערצו ווען מ'באקומט עס פריי פון אפצאל, שיין צעלייגט, גוטע נושאים.

בנוגע די זיין גליקליך מיט וואס מען האט איז א שטערקער-ווי-שטארק יסוד אינעם לעבן, איינמאל מ'ארבעט דאס אויס דארף מען שוין גארנישט, אבער ס'איז אויך דא אביסל שווער: איך דרייוו אן אדדעסי, איך בין צופרידן ווייל מיליאנען מענטשן האבן נישט. אבער מעג איך נישט טראכטן אז א לעקסוס וואלט בעסער געווען? איך פארשטיי אז דער אפריקאנער וואס באקומט די ערשטע מאל אן אדדעסי טראכט ניטאמאל פון א לעקסוס.. נו איך רעד מיך נישט אפ! איך טראכט פשוט אז א לעקסוס וואלט נישט שלעכט אריינגעקומען. מ'ברויך קענען אפטיילן פון די צוויי.

"עניוועי", אנטשולדיגט פאר די לאנגע תורות.

אה בנוגע די שפראך. איך האלט אז די אויפטו וואס ברענגט ווען איר שרייבט אויף א בחור'ישע אופן לוינט זיך ענדערש ווי איידער צו שרייבן אפיציעל. יענע שפראך וואס איר האט געניצט ביז היינט פליעט אריין אינעם זיבעטן ריף אסאך שנעלער און אסאך שטערקער, ס'וועקט אויף. אבער דאס מיינען באלאנגט פאר א דעת תורה.

עס איז ח"ו נישט קיין קריטיק. איך וואלט נישט געזאגט קיין ווארט ווען איר פרעגט ווען נישט, אבער אז איר פרעגט וועל איך זאגן, אויך נאר פשוט עס צו מאכן בעסער. אויב איר האלט אנדערש, כל הכבוד!

תודה רבה פון טיפן הארצן!

### תשובה:

ערשטנ'ס, א גרויסע יישר כח פאר'ן קאמענטירן.

איר פרעגט צי מען מעג נישט וועלן עפעס בעסער. אויב מען דרייווט יעצט אן אדעסי, פארוואס מעג מען נישט טראכטן אז א לעקסוס וואלט בעסער געווען?! דער תירוץ האט צוויי חלקים. איינס, אודאי מעג מען וועלן עפעס מער, נאר מען זאל זיך נישט איינרעדן אז עס וועט מיך מאכן גליקליכער/פרייליכער. צווייטנס, אויב יעצט ווען די זעצט זיך אריין אין דיין אדעסי, קוקסטו זיך ארום און דו דאנקסט דעם אויבירשטן פאר אזא באקוועמע קאר, וואס האט סטים/עיר קאנדישן, לייטס, ווייפערס, וכו' וכו', און דו פילסט ממש גליקליך דערמיט, דעמאלס האט א פשט אז דו זאלסט וועלן א לעקסוס, ווייל דו וועסט הנאה האבן דערפון יעדן טאג. ווען דו וועסט זיך אריין זעצן דערין וועסטו עס עפרישיעטן. אויב אבער דו עפרישיעטסט נישט דיין אדעסי, האסטו גארנישט פון באקומען א לעקסוס, ווייל נאך צוויי וואכן וועסטו עס פונקט אזוי נישט עפרישיעטן.

בנוגע די שפראך: אייער "וואוט" איז געווארן רעגיסטרירט...

יישר כח פאר די קאמפלימענטן!

---

א גוטן.

איך האב מיר באמת געלערנט אסאך פון אייערע גליונות. זייט איר האט ארויסגעגעבן דעם פאריגן גליון, שוין איבער אכט וואכן, האב איך נאך קיין איינמאל נישט אויסגעהערט די נייעס. און איך פלעג אויסהערן די נייעס יעדן איינציגסטן טאג! עס איז באמת א מחי' נישט מיטצוהאלטן די נייעס.

א ריזן יישר כח!

שלמה א.

### תשובה:

געוואלדיג! איך האב נישט קיין ווערטער. איר האט מיר מחי' געווען. כה לחי!

## מכון א מחי'!


פעקס:
845.777.8015

אימעיל:
Mechon.A.Mechayeh@gmail.com



זייט מחי' הונדערטער אידישע קינדער! ערמעגליכט צו פארשפרייטן דעם קומענדיגן גליון אין פרינט. ומתן שכרו בצדו א ספעציעלע שיינע באנוס גליון מיט נאך שיינע ענינים און מכתבים למערכת וואס האבן נישט געהאט קיין פלאץ אינעם געהעריגן גליון.

די גליון קומט ארויס פון צייט צו צייט אויף אימעיל, צו באקומען שיקט Subscribe צו Mechon.A.Mechayeh@gmail.com

פיינע נייעס! איר קענט שוין אויסהערן די מחי'דיגע יסודות, זאפטיג אראפגעלייגט אויף קול הלשון. 7* 718.521.5231 און נאך דעם 998606